Do Biblioteki Jagiellonskiej

פרייז 25 גראָשען אינפטער יאָהרגאַנג ...4 (224) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem"

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

פרײַטאָג ט"ו אלול תרפ"ח. ◆◆ פאַרן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◆ 31-go sierpnia 1928 r.

אדרעס

אין „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

צו די פערלאָבונג פון אונזער פריינד

**שמחה בונם קערשבערג**

— מיט פרל' —

**מלכה מעבעראָווסקא**

ווינשען מיר, אז גליק און צופרידענהייט

זאָלען זיין זייערע בעגלייטער

אין זייער נייעם לעבענס - וועג.

געברידער

ראַדאָם. **טורעק.**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער

און שוואָגער **שמחה בונם**

מיט פר"ל **מלכה'לע מעבעראָווסקא**

ווינשען מיר עוויגעס גליק און צופרידענהייט

**פאַמיליע קערשבערג.**

---

**מלכה'לע מעבעראָווסקא** ראַדאָם

**שמחה בונם קערשבערג** ראַדאָם

# פ ע ר ל א ב ט

אלול 1928

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און

שוועסטער **מלכה'לע מעבעראָווסקא**

מיט ה' **בונם קערשבערג**

ווינשען מיר עוויגעס צופרידענהייט

און א גליקליכע צוקונפט.

עלטערן, ברידער, שוועסטער **מעבעראָווסקי.**

---

בברכת מז"ט חמה אני מברך את מר

**שמחה בונם קערשבערג**

לארושת את העלמה מרת **מלכה מחרבסקי**

בארצנו הקדושה ימצאו עתידותיהם.

**שמעלקי ווילדענבערג** ורעיתו.

---

מיינע בעסטע גליקווינשען דריק איך אויס דעם ה'

**שמחה בונם קערשבערג**

צו זיין פערלאָבונג מיט פרל'

**מלכה מעבעראָווסקי.**

**יוסף גאָלדפאַרב.**

---

צו דער פערלאָבונג פון מיין פעטער

**בונם קערשבערג** מיט פרל' **מלכה'לע מעבעראָווסקי**

ווינש איך א הערצליכען מזל - טוב. זאָל ער

זוכה זיין צו בויען זיין הויז אין ארבייטענדען א"י

**שמחה בונם קערשבערג.**

---

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" טעאַטער

גאַסטשפּילען פון „וואַרשאַווער יודישע ארטיסטען-ווינקעל"

אונטער דער רעזשי פונ'ם ארטיסט **משה ליפּמאַן.**

**פרייטאַג** דעם **31** און **שבת** דעם **1-טען**

ווערט געשפּילט

צום ערשטען מאָל אין ראַדאָם

דאָס מייסטער-ווערק

# הירש לעקערט

— פון —

**לייוויק**

דראַמאַטישע פּאָעמע אין 7 בילדער.

לייטער פון דער טרופּע **א. סאַנדלער** — טעכנישער לייטער **ב. עפּשטיין** — געשעפטס-פיהרער **מ. וויכער.**

בילעטען פריהער צו בעקומען ביים ה' צימערמאַן. בעמערקונג: די פּיעסע ווערט געשפּילט אָהן סופליאָר. אנפאַנג 9 אַוונט

---

## פייערליכער ערעפנונג פון קינא

# „NOWE CZARY" „נייער טשאַרי"

**ראַדאָם, לובלסקא 47.**

מאָרגען שבת דעם 1 ווזשעשיע, 4 נ. מ.

ווערט דער נײַ-רעמאָנטירטער קינא

**„נייער טשאַרי"—געעפענט**

און ס'וועט דעמאָנסטרירט ווערען א ערשטקלאַסיג בילד.

דער קינאָ-זאַל איז פראַכטפול און מיט אַלע קאָמפאָרטען אײַנגעאָרדענט.

פערגרעסערטער אָרקעסטער.

די בעזוכער וועלען קומענדיג אין קינאָ בעוואונדערען די הערליכע עסטעטישע אײַנריכטונג

און די רעסטאַווראַציע אויף אַלע געביטען, לויט דעם מוסטער פון די גרויסע אײראָפּעאישע קינאָס.

פאר דער ביבליאטעק ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

זונטאג דעם 9 ווזשעשיען ד. י. אום 8.30 אווענד וועט אין זאהל פון טעאטער „ראזמאיטאשצי"

פארקומען

# א גרויסער וויאלין-קאנצערט

אויסגעפיהרט פון בעקאנטען וויאלין-ווירטואז, צוהערער פון דער מייסטער-קלאס ביי דער מלוכה'שע אקאדעמיע פאר מוזיק און פלאסטישער קונסט אין וויען.

# סימעאן באקמאן

ביי דער מיטווירקונג פון בעקאנטען ווירטואז

## מיכאל פערשקא

(ווארשא) — (ביים פארטעפיאן).

## פראגראם:

I.

ויוואלדי — — — קאנצערט ג' מאלל
סאראסאטע — — שפאנישער טאנץ
בלאך — — — דער ודוי פון בעל-שם
סמעטאנא — — — אויס דער היימאט
רימסקי-קארסאקאוו — הינדוסען - ליעד
דוואשאק — קרייזלער — כלאוישער-טאנץ

II.

לאלא — שפאנישע סימפאניע (I. IV טייל)
טשייקאווסקי-קרייזלער — אנדאנטע-קאנטאבילע
סאראסאטע — — — ציגוינער-ווייזען
ברוך — — — — כל נדרי
אחרון — — — העבריאישע מעלאדיע
קרייזלער — — — — — ווינער קאפריז

שאפען — — ( 2 שאפינגען אויסגעפיהרט
גריעג — — ( פון ה' מיכאל פערשקא

בילעטען צום פרייז פון 1.20 — 4.20 פריהער צו בעקומען אין אפטייק סקלאד פון ה' קוראווער (לובעלסקא 1) אין דער „קאאפעראטיווע קאסע" לובעלסקא 25 (אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע) און אין טאג פון קאנצערט ביי דער קאסע פון טעאטער פון 6 אז. אווענד.


## היינטיגען שבת-צו-נאכט שיקט „עזרה" אוועק קראנקע קיין בוסק.

די קראנקע, וועלכע זענען געווארען קוואליפיצירט צו פאהרען אויף קוראציע קיין בוסק, ווערען אוועקגעשיקט היינטיגען שבת-צו-נאכט'ס דעם 1/9 דירעקט פון ראדאם ביז בוסק מיט אויטאס. וואוינונגען זענען שוין געווארען געדונגען אין איינע פון די בעסטע ווילעס. אויפ'ן ארט וועט זיין א אייגענע קוך.

די דירעקציע פון בוסקער אנשטאלט האט צוגעזאגט בעדייטענדע הנחות בכדי די דורכפיהרונג פון דער אונטערנעמונג זאל ערררייכען דעם געהעריגען ערפאלג.

די הויפט שטערונג איז נאך אלץ די געלד-פראגע, די געהעריגע געלד מיטלען זענען נישט דא, אבער גישט קוקענדיג דאריף מוז מען אלץ מיט'ן גלויבען, אז די היגע אידישע עפענטליכקייט וועט אויך איהר חוב ערפילען.

אויף דעם זעלבען ציועק וועט פארקומען א בלימעל-פערקויף דעם 10/9 ס'וואלט געווען זעהר וויכטיג, אז ס'זאלן זיך מעלדען פרייוויליג פריילינס, ווי אויך יונגעלייט צו נעמען אנטייל ביי דעם בלימעל-פערקויף.

ס'ווערט שוין אויך אונטערגענומען די אקציע צו פערטיילען שטיצע אין פראדוקט אויף ראש השנה. אויך דא דערפיהלט זיך דער געלד-מאנגעל, ס'איז נאך דא פערשידענע חיבות פון ענליכע אקציעס. אבער מ'טוט דאס אלץ מיט'ן פעסטען גלויבען, אז די היגע אידישע עפענטליכקייט וועט מנדב זיין די געהעריגע סומעס אויף דעם צוועק.

## אינטערעסאנטער באקמאן-קאנצערט.

אין די נאהנטסטע טעג קומט פאר א קאנצערט, אויף וועלכען ס'וועט אויסטרעטען אונזער בן-עיר — דער בעוואוסטער וויאלין-קינסטלער ה' שמעון באקמאן.

ס'איז שוין געווארען א ליבליכע טראדיציע דאס יעדעס יאהר באלד נאך די פעריען פערשאפט אינז דער ה' באקמאן א גייסטיגען גענוס מיט זיינע קינסטלערישע פידעל-קאנצערטען. יעדעס יאהר אין דער צייט לאזט ה' באקמאן אונז הערען זיינע וואונדערבארע טענער, וועלכע זענען אנ'אויסדריק פון טיפע ליריק, פון פאעזיע און מתיקות.

ה' באקמאן האט לעצטענס אויסגעפיהרט עטליכע מייסטער-ווערק מיט א קווארטעט בעריהמטע פידלער וועגען וואס די קריטיק אין דער וויענער פרעסע האט זיך זעהר וואריס אבגערופען.

די ידיעה פון ה' באקמאנ'ס קאנצערט האט אין ראדאם ארויסגערופען גרויס אנזועהן און צופרידענהייט.

## טעאטראלע אויפפיהרונג פון „הירש לעקערט" אין ראדאם.

היינט און מארגען שבת צונאכט ווערט אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אויפגעפיהרט די בעריהמטע דראמאטישע פיעסע „הירש לעקערט".

דער מחבר פון דער דאזיגער פיעסע איז איינער פון די גרעסטע און שטארקסטע יודישע דיכטער. בלוין דער נאמען לייוויק וועקט דעם גרעסטען יראת הכבוד און איז בכח מיטצורייסען מיט זיך די ברייטסטע מאסען און די פיינפיהלענדסטע יחידי סגולה.

דער אינהאלט פון דער פיעסע שילדערט די בלוטיג-טרויריגע הערשאפטסצייט פונ'ם ווילנער צארישען גובערנאטאר פאן-וואל, איבער וועלכען דער ווילנער יודישער שוסטער הירש לעקערט האט אויסגעפיהרט אנ'אטענטאט.

די אויפפיהרונג פון הירש לעקערט האט געמאכט א שטארקען רושם און ווערט איבעראל געשפילט מיט'ן קאלאסאלסטען ערפאלג.

דער אויטאר לייוויק און דער רעזשיסער ליפמאן זענען די בעסטע ערבות פאר דער ליטערארישדיכטערישע און טעאטראל-קינסטלערישע פעראנטווארטליכקייט פון דער דראמאטישער פאעמע „הירש לעקערט".

דער היגער יודישער טעאטער-עולם דארף די צוויי גאסטשפילען בעטראכטען ווי א זעלטענער געלעגענהייט און צאהלרייך בעזוכען די צוויי אינטערעסאנטע און אינהאלטסרייכע פארשטעלונגען.

## ערעפנונג פון קינא „נייער טעאטרי".

שוין איינינע וואכען ווי דער קינא „טעאטרי" ווערט גרינדליך רעמאנטירט דורך א ספעציעלען פראפעסאר פון קונסט-מאלעריי פון ווארשא. לויט די ארבייט און די פיל בעמיהונגען איז צו ערווארטען, אז דער קינא וועט עסטעטיש זיין איינגעארדענט אויף דער געהעריגער הייך.

ווי די דירעקציע פערזיכערט האט זי זיך בעזארגט מיט א גאנצע סעריע ערשטקלאסיגע בילדער, וואס וועלען ציהען די אויפמערקזאמקייט מיט זייער אקטועל-סענסאציאנעלען אינהאלט אלע קינא-בעזוכער.

נאך אנ'הפסקה פון א חודש-צייט קומט היינטיגען שבת פאר די פייערליכע ערעפנונג ביים דעמאנסטרירען איינעם פון די שענסטע שלאגער-בילדער.

ווי מ'הערט איז דער קינא איבערגעגאנגען אין די הענד פון יודישע אונטערנעמער.


**Dr. Witold Pakowski**
**(choroby uszu, gardła, nosa)**
**POWRÓCIŁ**
i przyjmuje jak dawniej
**RADOM, ulica MARJACKA 12.**

**Zgubiono weksel z wystawą H. Dąbek** Radom na 100 zł. z terminem płatności 10 października b. r. weksel niniejszy unieważnia się.
**H. Dąbek**
Radom Lubelska 25.

דער בעסטער
עלעגאנטסטער מענער היט
איז נור
SELECT
פאדערט איבעראל!


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר און פריינד **איזאק וויינטרויב** צוליב דעם טויט פון זיין ליבע מוטער

**ת. נ. צ. ב. ה.**

אברהם אייזענמאן און פרוי.

# א טענטפער פון די ראדאמער פישער׳ס

## פאר דער יודישער בעפעלקערונג.

אזוי ווי אין „ראדאמער לעבען״ נומער 33 (223) איז געווען פערעפענטליכט פון פישער יוסף פעלדוועבער א פאקט, וואו אונזער שותף ה׳ שלמה בעלזבערג ווערט בעשולדיגט, אז ער האט געוואלט זיין דער איניציאטאר פון דער כלומר׳שטער הריגה, ערקלערען מיר, אז רער ה׳ פעלדוועבער איז אליין געווען דער גורם פון דער זאך און בידים ארויס־ערופען דעם גאנצען סקאנדאל. דורך דער גאנצער צייט פון אינזער שותפות האט ער זך נישט עהרליך אויפגעפיהרט אזוי, אז מ׳האט איהם נישט געקאנט געטרויען קיין שום זאך. מיט׳ן זעלבען ה׳ פעלדוועבער האט פאסירט א פאל, וואס פאהרענדיג קיין לאדז מיט א שותף צו קויפען סחורה,. האט ער דעם שותף דורך פערשידענע קאמבינאציעס אוועקגענארט און אליין געמאכט פאר זיך דאס געשעפט וואס האט געשאדענט די איבריגע שותפים.

בכלל האט ער מיט זיין אויפפיהרונג ארויסגעטריבען די שותפים פון געדולד און שטענדיג זיי דענערווירט און אויפגערעגט מיט זיינע נישט גלייכע ווענען צו וועלכע מ׳האט זיך נישט געקענט גלייכגילטיג בעציהען און טאלערירען. צוליב זיין נישט רעיעלען האנדלען זענען אפט געווען דין תורות מיט סכסוכים. דער רב קעסטענבערג אויך ווען ה׳ פעלדוועבער פערזוכט זיך קאן טאקע אליין בעשטעטיגען, אז די סבה פון אלע קאנפליקטען און דין־תורות איז געווען נישט קיין אנדערע נאר זיין נישט סאלידע און נישט רעיעלע האנדלונג מיט די שותפים.

דאס בעשולדיגען זעם ה׳ שלמה בעלזבערג אין דעם געשלעג־סקאנדאל, וואס איז ארויסגערופען געווארען נאר דורך ה׳ פעלדוועבער האט קיין שום גרונד נישט. דער ה׳ שלמה בעלזבערג איז דער, אויף וועמען עס ליגט די גאנצע לאסט פון אונזער שותפות־געשעפט. הן מיט געלד, הן מיט אונטערשטיצונג פאר די אונבעמיטעלטע שותפים.

עס איז נישט ריכטיג. אז די סבה פון געשלעג איז געווען, וואס מיר האבען איהם נישט געוואלט ארויסלאזען פון שותפות, ריכטיג איז נאר, אז ער האט געוואלט און געשטרעבט צו צו ברעכען דאס שותפות.

אויף וויפיעל דער ה׳ פעלדוועבער איז גאט די נשמה שולדיג און איז א „רוהיגער״ מענש קאן בעווייזען דער פאקט, וואס ער האט זיך אויך איינגעריסען מיט די היגע קצבים און נאר א דאנק דעם ה׳ שלמה בעלזבערג, איז ער א גאנץ יאהר בעשיצט געווארען פון נישט אנגענעהמע קאנסעקווענצען און טאקע דער זעלבער ה׳ בעלזבערג האט נישט צוגעלאזט צו קיין סקאנדאלען און דער סכסוך איז איינגעשטילט געווארען.

דער ה׳ פעלדוועבער וועלכער מאכט זך נעביך אזוי פאר אזא „נרדף״ האט זיין אייגענעם הוין־ווירט דעם ה׳ לייבוש וויזענבערג דערלאנגט עטליכע פעטש אין מיטען גאס.

דאס אלץ בעווייזט קלאר, אז דער ה׳ פעלדוועבער איז פעהיג מיט זיינע קרומע דרכים ארויסצוברענגען די בעסטע און אנשטענדיגסטע מענשען פון גלייכגעוויכט. נישט קיין אנדערער, נאר ער אליין האט בעוואוסטזיניג ארויסגערופען דעם טרויעריגען סקאנדאל פון געשלעג און קיינער איז נישט פעראנטווארטליך דערפאר נאר ער אליין.

**די ראדאמער יודישע פישערס.**


## נייעס! נייעס!

ווילט איהר, אז אייערע טעכטער זאלען, אויסער די וועלטליכע למודים אויך קאנען **גרונדליך יודישע למודים** ווי צ. ב. תנ״ך, העבראיש, יודישע היסטאריע, דאווענען פערטייטשען, ווי אויך יודיש שרייבען און יודיש לעזען מא נוצט אויס די גינסטיגע געלעגענהייט און שיקט אייך די **קורסען** וועלכע ווערען געעפענט דעם **2טען ווערזשעשען**

די פרייזען זענען זעהר צוגענגליכע 2 זלאטעס א וואך און פאר נישט־פערמעגליכע נידריגערע פרייזען.

אויף די קורסען ווערען צוגענומען שילערינס פון 7 יאהר אן. פאר די שילערינס, וועלכע געהען אין די שולען נאך מיטאג וועלען זיין די קורסען טעטיג אין דער פריה און פאר די שילערינס, וועלכע געהען אין די שולען אין דער פריה, וועלען זיין די קורסען טעטיג נאך מיטאג.

אויך וועט געעפענט א קורס פאר דערוואקסענע.

איינשרייבונגען נעמט אן די קאנצעלאריע פון די קורסען וויטאלדא 11 פון 12 — 9 פארמיטאג און פון 5 — 3 אוונד.

**ל. מילמאן.**



**Kasa Spółdzielczo-Kredytowa**

w RADOMIU, Lubelska 25.

קאסע ספולדזיעלטשא־קרעדיטאווע

קאאפעראטיוו מיט בעגר. פעראנטווארטונג

**איז שוין טעטיג**

און ערלעדיגט אלע ארט באנק אפעראציעס, פינקטליך און רעיעל, ביי מינימאלע פראוויזיעס,

**איינקאסעס**

ווערען אויסגעצאהלט אין טאג פון איינגאנג.



**פערלייכטערונג** פאר בעל־הבית׳טעס

וואס איז נאך קיינמאהל נישט געוועזען אין ראדאם.

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס איך האב געעפענט אויף רוויינסקא 7

**א געוועלב פון פיש** אויף ווארשאווער סיסטעם,

איינגעריכטעט וואסער־לייטונג, אלע מינים סארטען פיש, לעבעדיגע און טויטע.

מיט אכטונג **בארענשטיין**

ראדאם, רוויינסקא 7 №.



**טאפעציר־אנשטאלט**

דערמיט מאך איך בעקאנט די יודישע בעפעלקערונג פון ראדאם און פון אומגעגענד, אז איך האב געעפענט **א טאפעציר־אנשטאלט** אויף לובלינער 50. איך נעם אן אלערליי **טאפעציר־ארבייט** ווי: קאנאפעס, שטולען, מאטראצען א. ד. ג. איך פערלעג אויך גארדינען פערשידענע דעקאראציעס. אלעס צו צוגענגליכע פרייזען און רעיעלע בעהאנדלונג. קומט און איבערצייגט אייך. איך האב אויך א גרויסען אויסוואהל פון קאסעטקעס.

מיט אכטונג **טייכמאן** לובלינער 50

טאפעציר־אנשטאלט.





קומט און בעווינדערט

די הערליכסטע

**טאפעטען**

די נייעסטע פאסענער

ביי די בעסטע בעדינגונגען

**ש. שטיינמאן**

לובלינער 21.



דאס לאנג־עגזיסטירענדע טוך־געשעפט

**„אסתר גוטשטאדט״**

ראדאם, לובלינער 2 פראנט 1־טער שטאק

מאכט בעקאנט דאס זי בעזיצט צום ווינטער־סעזאן א שענעם אויסוואהל פון פערשידענע **אנצעגער** און **פאלטענס**

פון בילליגער, טאמאשאווער און לאדזער שטאפען.



**BANK LUDOWY** w RADOMIU, LUB. 7.

די יודישע פאלקס־באנק אין ראדאם, לובל. 7.

וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר פינקטליכקייט, און רעיעלע בעהאנדלונג, ערלעדיגט אלעראדט באנק אפעראציע, נעמט אן איינקאסעס, וואקלאדען, פאיען, ערטיילט קרעדיטען א.ז.וו. מיט גוטע בעדינגונגען. די איינגעפלאסענע געלדער, ווערען אויסגעצאלט מאמענטאל, איינקאסעס אויף דער פרעמדער פון 1 זל. אן.

**די פערוואלטונג.**



די יונגע ווירטין פון לובלינער געגענד זאגט:

מיין וועש איז שטענדיג בלענדענד ווייס ווייל
זייף קלויב איך אוים זעהר פארזיכטיג און
שטענדיג אליין.
דער זייף מוז מיין וועש שוינען, זיין
שפארעוודיג און ביליג
איך קלויב אוים שטענדיג נאר

**MYDŁO JELEŃ SCHICHT**



# כשר
# צערעס

שפייזע-פעטס איז פריש אנגעקאמען
אונד אין אללע שפייזע-געשעפטין צו
בעקאמען.

די אויסארבייטונג פון „צערעס"ווערט
אין אונזערע פאבריקען אויסגעפיהרט אונ-
טער דער השגחה פון הרב ר' שמחה
פרענקל (סקאווינא)

דורךדעם ווערט „צערעס" עמפפוילין
אפילו למהדרין מן המהדרין.

**Schicht S.A. WARSZAWA**

Kino *Odeon* w Radomiu.

**Od 27 sierpnia 1928 r.**

Arcyszlagier sezonu na którym publiczność wyrywała sobie biletów przy kasie p. t.

**Gehenna Jeńców**

**(DRUT KOLCZASTY)**

W roli gł. sława ekranu ulubienica **POLA NEGRI.**

OD PONIEDZIAŁKU

KRÓL DŻUNGLI.

KINO *CORSO* TEATR

**Od 30 sierpnia 1928 r.**

WIELKA PREMIERA!

PIERWSZY RAZ W RADOMIU!

PANCERNIK ATLANTIC

w roli tytułowej:

*Henri EDWARDS i Lillja NOLLHAND*

## לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

די פערוואלטונג פון יידישען האנדווערקער-קלוב אין ראדאם
האט די עהרע בעקאנט צו מאכען, אזוי אלע יאהר ווערט איינגעארדענט
דאס יאהר אין איינענעם לאקאל וואָל 59 דאס דאווענען אין די ימים-נוראים.
דער לאקאל בעשטעהט פון גרויסע צימערן, וועלכע ענטשפרעכן די היגיעניע.
בעמערקונג: 2 בעל תפלות ה"ה יעקב העכטמאן און איסר ליפשיץ

איינשרייבונגען [illegible] ; [illegible] מען יעדען טאג אין סעקרעטאריאט
פון קלוב [illegible] אין די שעה'ען פון 7—9 אוונט.

די פערוואלטונג.

די קאָעדוקאציע גימנאזיום געז.

## „פשיאטשול-וויעדזי"

אין ראדאם (מיט רעגירונג'ס - רעכט)

מאכט בעקאנט די עפנטליכקייט, אז די עקזאמינעס פאר די נייע
אריינטרעטענדע שילער וועלען זיך אנהויבען דעם 3-טען וורעשניען ה. י.
די קאנצעלאריע פון די גימנאזיום נעמט אן איינשרייבונגען טעגליך
ביז דעם 2-טען וורעשען איינשליסליך.
ביי די ביטעס בודארף מען בייליגען א געבורטס-מעטריקע, א אומפונגס
שיין, עדוקאציע — א שול-צייגניש.
די קאנצעלאריע נעמט אויך אן איינשרייבונגען פון קינדער אין די
פאַרשול אין עלטער פון 5½ ביז 7 יאהר.

די דירעקציע.




דאס בעסטע שפייזע-פעטס
צום
בראטען, פרעגלען און באקען
„[illegible]"

די בעסטע
[illegible] פוטער

## „פאטאקאנא"

דאס בעסטע
שפייזן-אייל
„פאטאק"




אלץ אונטער דער שטרענגער השגחה
פון דעם בענדינער ראבינאט

PROFESORKA DYPLOMOWANA
JĘZYKA FRANCUSKIEGO

ukończywszy Uniwersytet Francuski z odznaczeniem udziela lekcji francuskiego i szybkiego władania językiem metodami najnowszemi u siebie lub za domem.

*Fela Rozenberg*

RADOM, RWAŃSKA 21.







Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Zgodna 1, tel. 305.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni. Radom, Szwarlikowska 29